איך האב נארוואס דערהאלטן די פאלגנדע טעלעגראמע און איך שרייב איר איבער ווארט אין ווארט.

**FOR ZALTSMAN SANDLER STOP RECEIVING ODD NUMBERS UNZER VORT STOP PLEASE SEND COMPLETE SET YOUR JOURNALS STOP WOULD APPRECIATE DETAILED INFORMATION RE YOUR ORDER FOR OUR EINIKEIT GREETINGS MIKHOELS FEFFER**

פארשטייט זיך אז איך וועל זיי ענטפערן און אויך זען אז זיי זאלן דערהאלטן א פולן סעט פון „אונדזער ווארט."

איך האב דערהאלטן א בריוו פון ראיסקי'ן אז איך זאל אויסצאלן $6,000 צו יוסף ארנאלד, וויצע-פארזיצער פון דער פעדעראציע פון פוילישע אידן. איך האב אויסגעמאכט א טשעק פאר די $6,000. איך שרייב דיר דאס דערפאר ווייל דו האסט מיר געשריבן אז איך זאל אויסצאלן $5,675.

ווען איך האב שוין געהאלטן ביים פארענדיקן דעם בריוו איז אנגעקומען דיין טעלעגראמע פון ווארשע, ארויסגעשיקט מיטוואך, דעם 24טן יולי. איך האב באלד אפגערופן מאלי'ן און איר דערציילט און איך פארשפאר דיר צו זאגן אז זי האט זיך זייער שטארק געפרייט צו הערן פון דיר, ווייל אויך זי האט שוין לאנג ניט געהערט פון דיר. און זי איז אויך געווען צופרידן צו הערן אז עס זיינען דא אויסזיכטן אז דו וועסט אין גיכן זיין אין דער היים. פארשטייט זיך, אז זי אאא און מיר אלע וואלטן זייער שטארק געוואלט אז דו זאלסט ארייןפארן קיין סאוועטן-פארבאנד. ווי די לאגע זעט איצט אויס וועסטו מסתמא ניט קאנען פארן קיין פאלעסטינע. איך האב היינט אוונט א מיטינג אין קעמפ און איך וועל זען זאריע'ן און פארשטייט זיך אז איך וועל איר שוין ברענגען א פרישן גרוס פון דיר. מאלי איז לעצטן וואָך-ענד געווען אין קעמפ און פארבראכט מיט דיין טאכטער און זי בעט מיר דיר צו זאגן אז סיי זי און סיי זאריע פילן גוט, זיינען געזונט און שיקן דיר זייערע הארציקע גרוסן.

א גרוס פון אלע אונדזערע חברים, פון אלע מיטגלידער פון רעזירענט-באארד. ווינטשנדיק דיר אל-דאס גוטס פארבלייב איך,

מיט הארציקע גרוסן, דיין

ג. סאנדלער.

נ.ב. א הארציקן גרוס פון מיין אסתר'ן און לוסי'ן. לוסי האט מיר נעכטן געפרעגט ווען דו וועסט קומען צו אונדז אין פאר ראקאווע' צו גאסט, פארוואס דו זיצסט ניט אויפן פארטש, וואו איז אהינגעקומען די מאשין.

גס:רק
יאפוא-16

(א קאפיע פון בריוו האבן מיר געשיקט צו ראיסקי'ן.)

(א קאפיע פון בריוו האבן מיר געשיקט צום פאלאניע האטעל אין ווארשע.)